א וויכטיקע פאסירונג אין וויניפעג!
ערשטע עפנטלאכע

# פארזאמלונג פון פריינט פון סאוו. פארבאנד, זונטאג

יוני 21טן
8 נ.מ. אין

# פעלעס טעאטער

גוטע רעדנער
גוטע מוזיק
פראגראם


זון אויפגאנג — 4.18.
זון אונטערגאנג — 8.40.

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע עטאבלירט אין 1910 דערשיינט יעדן טאג

# דאס אידישע ווארט
THE ISRAELITE PRESS

THE GATEWAY OF THE WEST

The Only Jewish Newspaper in Western Canada Established 1910 PUBLISHED DAILY

וועטער: רעגן, קילער

Vol. 21, No. 119. Winnipeg, Fri. June 19, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג פרייטאג, ד' תמוז, תרצ"א.


## אגב - אורחא
פון מארק

### וועגן פארשיידענע זאכן

"צו אל. קאפאנעס קעניגטום איבער דער אונטערוועלט נעמט א סוף", מעלדן די צייטונגען.

קאפאנע איז פאר יארן געווען דער קע־ניג פון בוטלעג און "רעקעטיר" באנדע.

אלע האבן דאס געוואוסט, און באזונ־דערס די פאליציי, וואס איז געווען טאקע א "שערהאלדער" אין די "ביזנעס"...

און קאפאנע האט געלעבט אין עושר און אין כבוד, איז געווען א חשוב'ער ביר־גער, האט באזוכט די קירך אלע זונטאג, האט געגעבן גוטע נדבות פאר צדקה און האט געזאגט דעות אין דער פאליטיק (נאך וואסערע דעות, — מיט קאפאנען האט מען זיך גערעכנט!)

אבער דאס רעדל האט זיך א דריי גע־טאן. אין דער פאליטיק האט אפנים געוויגט א "קאנקורענט באנדע" — ווי אלע גהורי בענע מענשן האט קאפאנע אויך געהאט זיינע שונאים.

## ראביים שטימען איין אז אידישקייט גייט אונ־טער אין רוסלאנד

קאנפערענץ פון אמעריקאנער ראביים אפגעהאלטן אין וואואסי, אינד.

וואואסי, אינד., יוני 19 (איטא). — דריי ראביים, וועלכע האבן דיסקוטירט א געשריבענעם רעפעראט פון דייוויד גאלדבערג וועגן דעם איצטיקן סטאטוס פון אידן און אידישקייט אין סאוועטן פארבאנד...

## הויכע סאוועט באאמטע קריגן שווערע שטראפן פאר אנטיסעמיטיזם

דריי העכסטע באאמטע פון דערבענט, אין דאגעסטאן, פאר־אורטיילט צו לאנגע טורמע טערמינען, און פראקוראר פארלירט זיין שטעלע

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

## ד"ר. י. ל. מאגנעס אין מאנטרעאל; שווימט אפ יוני 26טן

וועט באזוכן זיצונג פון "בארד אף גאווערנארס" אין צוריך אין יולי

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

## פרעמיער בענעטס בוד־זשעט אנגענומען אין הויז מיט מערהייט פון 30

רעגירונג קריגט 102 שטימען צו 72 — ליבעראלער אמענדמענט קריגט 70 שטימען פאר און 109 קעגן

אטאווא, יוני 19. — פרעמיער בענעטס בודזשעט איז אנגענומען געווארן פונם הויז לעצטן אוונט מיט א מערהייט פון 30 שטימען...

## צוויי קרבנות פון היץ אין מאניטא־בא; גרויסע היץ און שטויב שטורעם טוען אן גרויסע שאדנס

א צאל לעבנס פארלארן און א גרויסע צאל איז פארבליבן היימלאז פון פארפלייצונג ארום דראמהעלער, אלטא.

## נעזעלשאפטלאכער קאלענדאר

### פרייטאג, יוני 19

### שבת, יוני 20

### זונטאג, יוני 21

### מאנטאג, יוני 22

### מיטוואך, יוני 24

## מאס-מיטינג צו פרא־טעסטירן קעגן סקול באורד דאנערשטאג

## פייערלאכע עפענונג פון פרץ-שול אויסשטעלונג זונטאג אוונט

## דריי פון צעשלאגענע אידישע ארבעטער פון עפולה אין שפי־טאל, 12 ארעסטירט

ירושלים, יוני 19 (איטא). — דריי אי־דישע ארבעטער זיינען אין שפיטאל, 9 אנדערע זיינען לייכטער פארוואונדעט גע־ווארן און 12 זיינען אונטער ארעסט...

## לעקציע פון שאול ראסקין היינט אוונט

## פוע"צ פרויען ביי ראסקינס בילדער אויסשטעלונג

## שפאנישע מאנארכיסטן ארגאניזירן אויפשטאנד קעגן דער רעפובליק

מאדריד, שפאניע, יוני 18. — קלאנגען וועגן א מאנארכיסטישער פארשווערונג...

## קיינער קוקט זיך ניט אום, ווען מאן דערשיסט זיך אויף טויט אין א געפאקטן שיקאגער טעאטער בעת דער אויפפירונג

שיקאגא, יוני 19. — דאס לעבן אין דער גרויסער שטאט איז צו ברויזנד און עס שטעלט זיך אפילו ניט אפ אויף איין רגע צוליב דעם טויט פון א יחיד.

(שלוס אויף דער לעצטער זייט)

### ערשטע שול רופט זיך אפ אויפן רוף פון דער תלמוד תורה




דאס איז א קאפיע פון דעם טשעק אויף $200, וואס די עדת-ישורון שול האט געגעבן דער תלמוד תורה פאר איר "אויסלייז פאנד".

# פרץ-שול אויסשטעלונג דעם זונטאג, 8.30 אוונט אין פרץ זאל

גראנדיעזע פייערלאכע עפענונג פון

פראמינענטע רעדנער און באגריסער — אינטערעסאנטע אקספאנאטן — בופעט
אינטריט פריי!

# פון חודש צו חודש

אפטיילונג פאר ליטעראטור און קולטור ענינים

רעדאקטירט פון : י. זיפער

## פאַרבייגייענדיק

פון י. שאַלין

„די פעדער"

„די פעדער" דערשיינט שוין 11 יאָר. אָבער לעצטנס נישט רעגלמעסיק. און דאָס איז נישט די שולד פון דער „פעדער" נאָר פון די לייענער. ווייל ווען דער זשורנאַל שטעלט זיך אָפּ אויף א שטיקל צייט, הערט מען נישט אז די לייענער, — און די פעדער האָט זיי א סך, — זאָלן עפּעס טאָן. נאָר פון א קליין נאָטיצעלע אין די צייטונגען ווערט מען געוואויר, אז אהרן קאָרלין שלעפּט זיך שוין ווידער איבער שטעט און שטעטלאך צוזאמלען געלט פאַרן זשורנאַל.

עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אז די פעדער האָט געהאָלפן א סך יונגע שרייבער זיך צו אנטוויקלען, אז די פעדער איז געווען און איז א טריבונע פאר די יונגע שרייבער, און כאָטש אָפּטמאָל ווינציק איבערקלייבעריש, זיינען דאָך אירע פאַרדינסטן גרויסע.

דעריבער פרייט מיך שטענדיק, ווען עס דערשיינט א נייער נומער „פעדער". עס פרייט אינצוויען : ווייל כ'בין אלעמאָל זיכער, אז דער זשורנאַל וועט ברענגען א נייעם נאָמען, און, צווייטנס, וואָס ער זשיפּעט נאָך און אזוי פיל גוטער ווילן, מי און אָנשטרענגונג זיינען נישט נעגאַנגען לאיבוד.

איך וויל דאָ ניט שרייבן קיין רעצענזיע וועגן אַפּריל נומער „פעדער". איך וויל בלויז אויפמערקזאַם מאַכן אויף אייניקע זאַכן דאָרט :

דאָס אַרטיקל פונם טאַלאַנטפולן עסעיִסט ב. ריווקין „די קאָנפערענץ וועגן

## דער כח פון ערד...

(צו דער יובליי פייערונג פון אידענברידזש)

(מכח מ. אוסישקינס זכרונות, פסח־נומער, 1931, ד. א. וו.)

פון משה וואַלינער (דיימאַנד)

דאָ אָבער קומען מיר צום סינטעז פון פאַנטאַזיע און אידישער עקשנות. די פאַרבליבענע פיר בלייבן איינגעשפּאַרט, קויפן אָפּ א שטיקל לאַנד, בויען אויס א שטוב, פּלאַנעווען שוין און עופות־פאַרם, מיט מסירת נפש ווערט געטאָן יעדער פּיצעלע אַרבעט, דאָס „הארץ קלאַפּט שוין

## אייביק

שלום שטערן, מאָנטרעאַל

אייביק זאָל אין מיר העלן\
גרוים געזאַנג,\
צו טאָג, צו לויטערן אויפגאַנג.

אייביק זאָל אין מיר קוועלן\
שטילע פרייד,\
און אויף מיינע שוועלן\
זאָלן רוען גוטע שעה'ן.

אייביק זאָל אין רויטן פאַרגאַנג\
זיין פול מיט ליבשאַפט אונזער גאַנג,\
און זיין זאָלן דיינע רייד\
ליכטיקע טרייסטן,\
אויף אונזער וועג דעם ווייטן.

... 25 יאָר פון שווערער אומדערמידלאַכער אַרבעט איז א פּיין „בינטל יאָרן". זאָלן געבענטשט זיין די אידענברידזשער אומדערמידלאַכע איינוואוינער !

## נאָך אַ יתום

(א קאַפּיטל פון א גרעסערער דערציילונג)

פון יעקב זיפער

## ליטעראַרישע ידיעות

ס'ווערט געגרייט צום דרוק א זאַמלהעפט פאר ליטעראַטור און קולטור פראַגן. ארום דעם זאַמלהעפט גרופּירן זיך די יונגע אידישע שרייבער פון קאַנאַדע. די זאַמלהעפטן זיינען אויסגערעכנט צו דערשיינען אַלע דריי חדשים און וועלן זיין די טריבונע פונם יונגן אידישן וואָרט אין קאַנאַדע. ביז איצט האָבן צוגעזאָגט זייער מיטאַרבעטערשאַפט : אײַדע מאַזע, יודיקאַ און שלום שטערן, מאָנטרעאַל; מ. גרינבערג, ש. נעפּאָס, מ. סעגאַל, און ש. פּיזעל, טאָראָנטאָ; משה וואַלינער, (דיימאַנד) און יעקב זיפער, וויניפּעג.

יונגע שרייבער אין קאַנאַדע, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין די זאַמלהעפטן, זיינען געבעטן זיך ווענדן „זאַמלהעפטן" קער אָף שטערן, 17 רייטשעל סטרים, וועסט, מאָנטרעאַל.

* * *

„געוועזן" וועט זיין דער נאָמען פון א בוך דערציילונגען פון יעקב זיפער, וואָס וועט בקרוב דערשינען.

## אַמעריקע לײַדעט ניט פֿון בִיכער קריזיס

דווקא אין א צייט, ווען יעדע אינדוסטריע אין לאַנד איז אזוי שטאַרק געטראָפן געוואָרן פון דעם ביטערן קריזיס, איז דער האַנדל מיט ביכער אין אַמעריקע אפילו אויף קיין האָר ניט געטראָפן געוואָרן, און די צאָל פון די וואָס האָבן געקויפט ביכער אין לעצטן יאָר איז אפילו פאַרדאָפּלט געוואָרן.

דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פאַקט איז איצט אַרויסגעקומען אין דער עפנטלאַכקייט אויף דער יערלאַכער קאָנפערענץ וואָס די אַמעריקאַנער פאַרלעגער האָבן אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק.

פאר א סך מענשן איז דאָס ווירקלאַך

זיך צוצופּאַסן צו דער צייט און צו די אומשטענדן.

אין די צייטן פון דער גרויסער שפע, ווען מענשן האָבן פאַרדינט א סך געלט, האָבן די פאַרלעגער אַרויסגעגעבן ביכער, וואָס האָבן געקאָסט טייער. און ווען די שפע האָט אויפגעהערט, ווען מענשן האָבן שוין מער ניט געמאַכט אזוי פיל געלט, האָבן די פאַרלעגער אַרויסגעגעבן די זעלבע ביכער אין ביליקערע אויפלאַגעס. א בוך, וואָס האָט פריער געקאָסט דריי דאָלאַר איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויפן מאַרק מיט א פּרייז פון איין דאָלאַר, און דאָס האָט געמאַכט מעגלאַך, אז אָרימע מענשן, וואָס קאָנען ניט אויסגעבן קיין

## צו דער דערשיינונג פון מ. סעגאַלס בוך לידער

